ספרי׳ – אוצר החסידים – ליובאוויטש

# לקוטי שיחות

פון

כבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל שליט״א

## ש נ י א ו ר ס א ה ן

מליובאוויטש

### ש מ ו ת

יוצא לאור על ידי מערכת

„אוצר החסידים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ. י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ושלשים לבריאה

# שמות ב

א. אויפן פסוק וימררו את חייהם בעבודה קשה בחומר ובלבנים ובכל עבודה בשדה את כל עבודתם וגו'[1], זאָגט די גמרא[2]: „בתחילה בחומר ובלבנים, ולבסוף ובכל עבודה בשדה, ולבסוף[3] את כל עבודתם". און די מפרשים[4] ערקלערן דעם פשט פון דער גמרא: היות אַז מ'קען פרעגן פאַרוואָס דער פסוק טיילט אויס באַזונדער די אַרבעט „בחומר ובלבנים", בעת דאָס ווערט נכלל אין „כל עבודתם" וואָס שטייט ווייטער? און דאָס באַוואָרנט די גמרא, אַז דער שעבוד „בחומר ובלבנים" איז געווען „בתחילה"; דער אָנהויב פון דער גאַנצער „עבודה בשדה" וואָס איז געקומען „לבסוף", און דערפאַר ווערט עס דערמאָנט (פריער און) באַזונדער.

אין תורה ועניני' איז דאָך אַלעס בתכלית הדיוק. איז דערפון פאַרשטאַנדיק אַז דאָס וואָס די אַרבעט „בחומר ובלבנים" איז געווען „בתחילה" (און „לבסוף" — „כל עבודתם"), מיינט עס ניט בלויז פריער אין מובן פון זמן, נאָר אויך „תחילה" אין תוכן, אין וואָגיקייט און האַרבקייט פון שעבוד; ד. ה. אַז אין „חומר ולבנים" איז באַשטאַנען דער עיקר און דער כלל פון דעם שעבוד, און דערפון זיינען דערנאָך אַרויסגעקומען (בדוגמת פרטים פון אַ כלל) די כל מיני שעבוד פון „כל עבודתם".

דערפאַר זעט מען, אַז אויך „לבסוף" ווען די אידן האָבן שוין געאַרבעט ביי „כל עבודתם", איז זייער עיקר עבודה נאָך אַלץ באַשטאַנען אין אויסאַרבעטן לבנים[4*]. ווי דאָס איז מוכח פון דעם וואָס עס ווערט דערציילט ווייטער[5]: בשעת פרעה האָט געוואָלט דורכפירן דעם „תכבד העבודה על האנשים" [וואָס דאָס איז דאָך שוין געווען ביים סוף פון זמן גלות מצרים, נאָכדעם ווי משה ואהרן זיינען בשליחותו של הקב"ה געקומען צו פרעה און אים געזאָגט „שלח את עמי"], האָט ער דאָס געטאָן (ניט דורך אַן אַנדער סאָרט אַרבעט, נאָר) דוקא דורך דער אַרבעט פון מאַכן לבנים (אָנזאָגנדיק מען זאָל זיי ניט געבן קיין תבן פאַר דעם, און צו דער זעלבער צייט זאָל ניט פעלן פון דעם פריער־באַשטימטן סכום לבנים).

נאָך מער: אויך אין משך פון דעם גאַנצן זמן השעבוד, איז זייער אַרבעטס־טאָג בעיקר געווען פאַרנומען מיט אויס־אַרבעטן לבנים (כאָטש זיי האָבן אויך געטאָן אַנדערע אַרבעט). דאָס איז מוכח דערפון וואָס ס'ווערט געזאָגט אין מדרש[6] אויפן פסוק[7] „ויעבידו מצרים את בנ"י בפרך — בפה רך"[8], אַז פרעה אַליין האָט גענומען אַ „סל ומגריפה" און געמאַכט לבנים[9] און דורכדעם איינגערעדט אידן: „עשו עמי היום בטובה", אַז אויך זיי זאָלן אים נאָכטאָן און מאַכן לבנים. האָבן די אידן געאַרבעט מיט אים

---

1) פרשתנו א, יד.

2) סוטה יא, ב.

3) שמו"ר פ"א, יא. וראה חדא"ג מהרש"א בסוטה שם, שמפרש כן גם בגמרא.

4) חדא"ג שם.

*4) להעיר מפרש"י משפטים (כד, יו"ד): „שהיו משועבדים במעשה לבנים".

5) פרשתנו ה, א ואילך.

6) במדב"ר פט"ו, כ. תנחומא בהעלותך יג. ת"ב שם כג. וראה גם שמו"ר שם.

7) פרשתנו א, יג.

8) ראה גם סוטה שם, ריש ע"ב.

9) ראה גם שם, א.

„בכל כחן", און ווען ס'איז געקומען די נאַכט האָט פרעה געהייסן איבערציילן די אויסגעאַרבעטע לבנים פונעם טאָג און האָט זיי געזאָגט „כזה אתם מעמידים בכל יום ויום".

היינט וויבאַלד אַז טאָג־נאָך־טאָג האָבן אידן דערנאָך געדאַרפט צושטעלן דעם זעלבן סכום לבנים וואָס זיי האָבן אויסגעאַרבעט במשך פון יענעם גאַנצן טאָג ווען זיי האָבן געאַרבעט בכל כחן, איז דאָך פאַרשטאַנדיק אַז אויך אין משך פון זייער ווייטערדיקן זמן השעבוד זיינען זיי דעם רוב היום ככילו [10] געווען באַשעפטיקט ביים אויס־אַרבעטן לבנים [11]; און די אַנדערע כל מיני עבודה וואָס זיי האָבן געטאָן, איז דורכגעפירט געוואָרן אין די ווייניקע שעות נוספות (אין דער נאַכט) [12].

דערמיט ווערט גוט פאַרשטאַנדיק וואָס די תורה טיילט אויס באַזונדער די אַר־בעט פון חומר ולבנים — ווייל אַפילו דערנאָך ווען זיי האָבן אויך געטאָן „כל עבודתם", איז אָבער זייער עיקר באַ־שעפטיקונג נאָך אַלץ געווען ביים מאַכן לבנים.

ב. דער ביאור פון דעם וואָס דער הויפּט שעבוד [13] איז באַשטאַנען פון חומר ולבנים:

שוין אַמאָל גערעדט באריכות [14] אין דעם פירוש פון „ויעבידו מצרים את בנ"י גו' וימררו את חייהם בעבודה קשה גו'", אַז דער לעבן און די כוחות פון אידן, וואָס זייער אמת'ער חיות און כחות נעמען זיך פון קדושה [15] (נפש האלקית [16]), האָבן די מצרים אויסגע־נוצט אויף צו בויען די ערי מסכנות — לפרעה. אַנשטאָט דעם וואָס אידן דאַרפן זיך פאַרנעמען מיט אויפמאַכן אַ דירה לו ית', בויען דעם „עיר אלקינו" [17], זיינען זיי געצוואונגען געוואָרן פון די וואָס זיינען זייערע מצירים [18] ומעיקים צו פאַרווענדן די הייליקע כחות צו אויפשטעלן אַ דירה פאַר קליפה ר"ל, „ערי מסכנות לפרעה".

און „זה לעומת זה": כשם ווי דער

10) אבל לא כל היום ממש — שהרי חלק מהיום בנו את הערים *, שגם זה נכלל בהעבודה „בחומר ובלבנים" (ראה מהרש"א שם: שבתחלה בנו לו ערים). ואולי י"ל: בחומר (לעשות ממנו לבנים) ובלבנים (לבנות מהם ערים).

ברמב"ן (א, יא) ואוה"ח (שם, יד), שבנין הערים אינו נכלל בהעבודה „בחומר ובל־בנים", ומפרשים שבתחלה היו בונים הערים ואח"כ הוסיפו עליהם עשיית הלבנים. אבל פשטות הל' בגמרא ומדרש שם משמע כנ"ל. וראה אוה"ח (שם, יא): „ולדבריהם ז"ל צריך לומר כי קדמו דברים („פה רך") לשרי מסים".

11) להעיר משמו"ר שם, יב: אם אתם הולכים לישן בבתיכם.. אין אתם משלימים את הסכום שלכם.

12) ב"ר פכ"ז, ב. תנחומא ויצא, ט.

*) ואין לומר שבנין הערים הי' משחשי־כה — כי (א) רק „בכל עבודה בשדה" הי' לאחר „שבאין לנוח לערב לבתיהן" (תנחומא ויצא ט), (ב) לפי"ז נמצא שבנין הערים — מלאכה עיקרית — לא נמנית כלל בפסוק „וימררו את חייהם" (ורק — נכלל (בדרך אגב) ב„את כל עבודתם")!

13) במצרים כפשוטו, ובמצרים וגלות ויציאת מצרים שבעבודת כאו"א מבנ"י, שב„כל יום ויום חייב לראות עצמו כאילו הוא יצא היום ממצרים" (תניא רפמ"ז — ראה שם ביאורו).

14) ראה עד"ז לקו"ש ח"ג ע' 848 ואילך.

15) כנאמר על התומ"צ כי הם חיינו. וראה קונטרס ומעין מ"ז. ו„לכן נוגע מאד הענינים שעוסקים בהם, מפני שבכל דבר ודבר שהאדם פועל ועושה מכניס בזה כחות אלקית" (ד"ה בששה"ק תער"ב פ"ב). וראה גם לקו"ש שם הערה 22.

16) ראה תניא פ"ט, יב ועוד.

17) תהלים מח, ב. וראה רשימות הצ"צ שם.

18) דכל המצירים נקראו ע"ש מצרים (ראה ב"ר פט"ז, ד).

„עיר אלקינו" ווערט „געבויט" פון אבנים (ע"ד דוגמא ווי אַ שטאָט באַשטייט פון ריבוי בתים און אַ בית ווערט געבויט פון שטיינער[19] — עיקרו ותוקפו של בית זיינען די אבנים וואָס אין אים[20]) — אַזוי איז אויך, להבדיל, געווען ביי די ערים דקליפה אין מצרים (וואָרום קליפה וויל זיך גלייכן צו קדושה — כקוף בפני אדם[21]): דער עיקר השעבוד פון די אידן איז געווען צו אויסאַרבעטן די ציגל (ותהי להם הלבנה לאבן[22]), די שטיינער, פאַר די מצרים־שטעט.

און דערמיט איז מבואר וואָס די עבודה „בחומר ובלבנים" שטעלט מיט זיך אויך פאָר דעם כלל פון „כל עבודתם" (כנ"ל סעיף א'), וואָרום יעדער אַרבעט און פעולה וואָס מען זאָל ניט טאָן, איז תוכנה הפנימי — בויען אַ „הויז", וואָס אַ הויז באַשטייט הויפּטזעכלעך פון אבנים כנ"ל: בשעת מען טוט אַ דבר טוב, צי דאָס איז אַ מצוה, צי דאָס איז עשיית דברי הרשות לשם שמים אָדער אין אופן פון „(בכל דרכיך) דעהו"[23], איז מען דערמיט מוסיף אַ שטיין אין דעם בנין פון קדושה; און בשעת מען טוט אַ דבר לא־טוב, איז מען דורכדעם מוסיף אַ ציגל אין דעם בנין דקליפה. די פאַרשידנקייט פון די פעולות און עבודות דריקט זיך אויס אין דעם תוכן הבנין, אָבער בחיצוניות, האָבן די אַלע פעולות אַ צד השוה — בנין (פעולות טובות — בנין ירושלים; פעולות לא טובות — בנין צור[24]).

ג. אין שטיינער גופא, וואָס מיט זיי ווערט בעיקר אויפגעשטעלט דער בנין, זיינען פאַראַן צוויי סאָרטן: אבנים וואָס זיינען אַ בריאה בידי שמים; און לבנים וואָס ווערן אויסגעאַרבעט פון מענטשן[25]. און די אַרבעט פון אידן אין מצרים איז באַשטאַנען (ניט אין אבנים, נאָר) אין מאַכן לבנים.

וואָס איז דער חילוק צווישן אבנים און לבנים? „אבנים", זייענדיק אַ בריאה בידי שמים, זיינען מרמז אויף אַ העכער מדריגה פון קדושה[26]. דעריבער האָט מען דעם בית המקדש געדאַרפט בויען (לכתחילה) פון אבנים[27], און אויך ארץ־ישראל אין אַלגעמיין ווערט אָנגערופן „ארץ אשר אבני' ברזל"[28]. לבנים אָבער ווערן געשאַפן דורך מעשה ידי אדם, זיי זיינען מרמז אויף רשות[29] און עס הייבט אָן פון דעם מענטשן וואָס דערפון וועט ווערן: קדושה, אָדער דער היפך.

[וואָס דערפאַר געפינט מען, אַז דער איסור פון השתחוי' בפישוט ידים ורגלים איז גילטיק דווקא ביי רצפת אבנים

19) ראה בארוכה ד"ה והי' הנשאר בציון תרצ"א פ"ב וג'. ד"ה אור לי"ד ש"ת פ"ג. ובכ"מ.

20) וכל' ס' יצירה (פ"ד בסופו) ב' אבנים בונות ב' בתים וכו' — ולהעיר מנגעים פי"ב, מ"ב.

ובפרט ביהמ"ק — השלימות ד„עיר אלקינו" (ירושלים) — שעיקרו הי' אבנים, כדלקמן סעיף ה' וסעיף ח'.

21) זח"ב קמח, ב. וביהל אור ע' שנח, שהוא ע"ד שארז"ל (מדרש הגדול) עה"פ (בראשית ה, ג) שמקודם היו כקופין.

22) נח (יא, ג) וראה שער הפסוקים ר"פ שמות. לקו"ת לג"פ עה"פ (עב, ג ואילך — אוה"ת נח כרך ג תרסב, א ואילך. שם כרך ו' תתרסו, א ואילך).

23) החילוק בין ב' האופנים — ראה לקו"ש ח"ג ע' 907. 932.

24) היפך בנין ירושלים (ראה רש"י תולדות כה, כג — ממגילה ו, א. וראה גם זח"ב רלו, א. רמ, א. עיי"ש).

25) תו"א עז, ג. לקו"ת לג"פ שם. וראה גם ד"ה והי' הנשאר שם פ"ז.

26) ד"ה והי' הנשאר שם. וראה גם תו"א שם. לקו"ת לג"פ שם.

27) רמב"ם הל' בית הבחירה פ"א ה"ח.

28) עקב ח, ט.

29) ראה תו"א שם.

און ניט ביי רצפת לבנים[30] — ווייל דער דאָזיקער איסור איז מצד דעם טעם וואָס אין אַן אַנדער אָרט טאָר ניט געטאָן ווערן אַ זאַך וואָס איז בדוגמא צו דעם וואָס מ'טוט אין בית המקדש[31] — השתחוי', און וויבאַלד אַז לבנים מצד עצמם פאַרמאָגן ניט קיין אָנדייט אויף אַן ענין פון קדושה, איז דעריבער די השתחוי' אויף רצפת לבנים ניט קיין דוגמא צו דער עבודת ההשתחוי' אין בית המקדש];

לבנים האָבן אין זיך אויך (אַן אפשריות אויף), היפך הקדושה[32], ווי די גמרא[33] זאָגט בנוגע ע"ז[34] „זקף לבינה"[35].

און דאָס איז די הסברה וואָס רש"י[36] זאָגט „שאין אבנים בבבל, שהיא בקעה" — ווייל בבל (ובכלל אַ „בקעה"[37]) איז נידעריק — אַן אָרט פון העלם האור אלקי, פון חשך, ביז אַז אויך בנוגע דער תורה ווי זי איז אין בבל זאָגן חז"ל[38]: „במחשכים הושיבני — זה תלמוד בבלי". דעריבער איז דאָרטן ניט שייך די מדריגה פון „אבנים" וואָס בריאתם בידי שמים.

ד. עפי"ז וואָלט מען געקענט מסביר זיין דעם טעם פאַרוואָס די עבודה קשה פון די אידן אין מצרים איז געווען ביי לבנים — און ניט ביי אבנים — וואָרום היות דער צוועק דערפון איז געווען צו בויען „ערי מסכנות לפרעה" (היפך פון „עיר אלקינו", כנ"ל), איז דערפאַר אויך דער בנין זייערער באַשטאַנען ניט פון „אבנים" וואָס דייטן אָן אויף קדושה, נאָר פון „לבנים" וועלכע זיינען בהתאם צו „ערי פרעה".

אָבער אין אמת'ן איז דער ביאור ניט מספיק: וויבאַלד אַז די כוונה פון די מצריים איז געווען צו אויסנוצן אין דער בויאונג פון ערים דקליפה דווקא — די כחות און חיות פון קדושה (ווי דער פסוק איז עס מדגיש: „ויעבידו מצרים את בני ישראל גו' וימררו את חייהם גו'", כנ"ל תחילת סעיף ב'), האָבן זיי דאָך לכאורה געדאַרפט זוכן אויך (ואדרבה — ביתר שאת[39]) דעם אויסנוץ פון אבנים פאַר זייערע ערים, בכדי זיי זאָלן

30) מג"א או"ח סקל"א סק"כ.

31) רש"י ד"ה לא אסרה תורה (מגילה כב, ב). הרמב"ם (הל' ע"ז פ"ו ה"ו ואילך, וראה כס"מ שם) מפרש הטעם מפני שזהו דרך עוע"ז. ולכאורה גם בזה יל"פ דהא שעשו כן לע"ז הוא מפני שהייתה עבודה בקודש [וע"ד שמצינו במצבה (שקדמה לדין אבן משכית ברמב"ם שם) — דאהובה לאבות (ספרי שופטים טז, כב) די"ל דמפני זה עשאוה חק לע"ז (ראה פרש"י שם. ולהעיר מאוה"ת ויצא קצח, א ואילך)] אף שביהמ"ק (שבו רצפת אבנים) נבנה זמן רב לאחרי איסור אבן משכית.

32) ראה פרדס בשער ערה"כ ערך לבינה (הובא באוה"ת שמות ע' כד. זאת חנוכת תר"מ ספי"ד. וראה גם ד"ה והי' הנשאר שם ספ"ז): לבינה הוא מסטרא דמסאבותא.

33) ע"ז מו, א (וראה גם סוטה מז, א — בכמה דפוסים נשמט ע"י הצנזור) — הובא במקומות שבהערה שלפנ"ז. וראה רש"י (ע"ז) שם — לפי שהוא בידי אדם, משא"כ אבני הר שנדלדלו שאין בהן תפיסת ידי אדם. (עיי"ש. ולהעיר ממ"ש (איכה ג, לח) מפי עליון לא תצא הרעות).

34) ואפילו עבירה קלה של דברי סופרים — נפרד בה מיחודו ואחדותו כמו בע"ז ממש בשעת מעשה (ראה תניא פכ"ד, כה).

35) ראה גם לקו"ת לג"פ שם.

36) נח יא, ג.

37) להעיר מס"ת בזח"א עה, א; וממאמר רז"ל (עירובין ו, א. וש"נ) בקעה מצא וגדר בה גדר. וראה ד"ה והי' הנשאר שם פ"ז, שבקעה הו"ע ביקוע ופירוד.

38) כן הובא בכ"מ בדא"ח. וכ"ה בשל"ה בית חכמה (טז, ב) ובית הגדול (לו, רע"א). ובסנהדרין כד, א (וכ"ה בשל"ה שער הגדול (לה, ב)): זה תלמודה של בבל.

39) ע"ד המבואר באגה"ת ספ"ו.

קענען געניסן און האָבן אַ יניקה אויך פון דער קדושה פון די ענינים שבריאתם בידי שמים [40].

מה מען זאָגן, אַז אדרבה: ניט געקוקט אויף דעם גודל העילוי אין דער בחינה פון אבנים, האָבן די לבנים אין זיך נאָך אַ העכערע מעלה. און טאַקע צוליב אָט דער מעלה האָבן זיך די מצריים אַזוי שטאַרק באַמיט צו באַשעפטיקן די אידן (הויפּטזעכלעך און די מערסטע צייט) דווקא ביי לבנים, בכדי אַריינצוקריגן אין רשות הקליפּה אויך די הויכע מדריגה וואָס איז אין „לבנים".

ה. לכאורה וואָלט מען געקענט מבאר זיין, אַז די מעלה וואָס איז פאַראַן אין די נידעריקע „לבנים" לגבי די העכערע „אבנים" (וואָס צוליב אָט דער מעלה האָבן די מצריים געוואָלט בויען די „ערי מסכנות לפרעה" דווקא פון „לבנים") — באַשטייט טאַקע אין זייער נידעריקייט:

ס'איז דאָך ידוע [41], אַז „נתאווה הקב"ה להיות לו (ית' [42]) דירה בתחתונים" — און ווי דער אַלטער רבי (דער בעל ההילולא פון כ"ד טבת [43]) איז מדגיש [44] „שאין תחתון למטה ממנו" — ד. ה. אַז וואָס מער תחתון עס איז די בחינה וואָס ווערט אַ „דירה" צום אויבערשטן אַלץ מער און טיפער ווערט אויסגעפירט זיין רצון און כוונה. קומט דאָך אויס, אַז בשעת מען בויט דעם „עיר אלקינו" פון „לבנים" וואָס זיינען נידעריקער, פירט מען דורך די כוונה פון „דירה בתחתונים" מער ווי ווען מען טוט דאָס דורך „אבנים" [45].

און בדוגמא ווי ביי דער מעלה פון ביהמ"ק לגבי דעם משכן: אַז דער משכן, וואָס איז געווען אַ „דירת עראי" צום אויבערשטן [46], איז בעיקר געווען געבויט פון (קרשים) ארזים — צומח, און דער ביהמ"ק, וואָס איז געווען אַ „דירת קבע" של הקב"ה [47], איז געווען געבויט בעיקר פון אבנים [48] — דומם, וואָס איז נידעריקער [49] פון סוג הצומח [50].

אין אמת'ן אָבער, איז דער הסבר ניט גענוגנדיק: אויב מצד דעם עילוי הנ"ל וואָס איז דאָ אין לבנים (אַז ווען דער „עיר אלקינו" ווערט געבויט פון זיי

---

40) ועי"ד שמצינו (הל' ת"ת לאדה"ז פ"ד סוס"ג) שתומ"צ דרשע קודם שעשה תשובה מוסיפים כח בקליפות.

41) תנחומא נשא טז. וראה גם במדב"ר פי"ג, ו.

42) כן הי' מוסיף (פעמים רבות) כ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע — נתבאר בלקו"ש חי"ט ע' 27 ואילך.

43) שנת תקע"ג — מוצש"ק פ' שמות.

44) תניא פל"ו.

45) להעיר מ„כל דבר שבחובה אין בא אלא מן החולין" (מנחות פב, א).

46) ראה שהש"ר פ"א, טז (ג). וכמ"ש (ש"ב ז, ו) ואהי' מתהלך באהל גו' (תו"א ר"פ ויגש).

47) ראה שהש"ר שם. וכמ"ש (תהלים קלב, יד) זאת מנוחתי עדי עד (תו"א שם).

48) ואסור לעשות בו עץ בולט (רמב"ם הל' ביהב"ח פ"א ה"ט (וגם הראב"ד ס"ל כן — ראה כס"מ שם). חינוך מצוה תצב — הובאו בתו"א שם).

49) ומה שבנין ביהמ"ק הי' מאבנים ולא מלבנים שהם „תחתון" יותר — ראה להלן הערה 76.

50) וכמבואר בתו"א שם, תו"ח ד"ה ויגש פ"ח וסדור כא, ב.

— ובלקו"ת ברכה צט, ד וב„מאמרי אדה"ז — הנחות הר"פ" ע' פא, מבואר מעלה זו גם בנוגע למשכן שילה, לפי שהכתלים * שבו היו מאבנים. עיי"ש.

---

*) בלקו"ת שם: היריעות. והוא טה"ד (הערות כ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע — נדפסו בסוף ס' לקו"ת).

ווערט דורכגעפירט די כוונה פון „דירה בתחתונים" באופן יותר נעלה),

— האָבן די מצריים (זוכנדיק די העכסטע ענינים אין קדושה צו פאַרווענדן אין קליפּה, להבדיל) בלויז געדאַרפט ווען אַז די בויאונג פון די ערי פרעה, ערים דקליפּה, זאָל געטאָן ווערן (דורך אידן און) פון לבנים; אָבער ניט לייגן השתדלות אַז אויך דאָס אויסאַרבעטן פון די „לבנים" זאָל זיין דורך אידן. וויבאַלד אַז די מצריים האָבן געצוואונגען די אידן צו מאַכן די לבנים — ואדרבה: דער עיקר פון דעם „זיעבידו" איז געווען אין עשית לבנים [51], איז דערפון משמע אַז אין דעם דריקט זיך טאַקע אויס דער תכלית העילוי (און דערפאַר האָבן זיך די מצריים אַזוי פאַרלייגט אויף דעם אַז אידן זאָלן „מאַכן לבנים" פאַר ערי פרעה, בכדי צו האָבן אַ יניקה פון אָט דעם ענין נעלה וואָס טוט זיך אויף דורך „עשית לבנים").

ו. בכדי צו פאַרשטיין אָט דעם עילוי אין עשית לבנים, פאָדערט זיך פריער צו מבאר זיין גרינטלעכער דעם חילוק הנ"ל צווישן דעם משכן און בית המקדש — וואָס דער משכן איז געווען געבויט בעיקר פון צומח, און דער בית המקדש — פון דומם.

ווען דער משכן וואָלט אין זיך אינגאַנצן ניט געהאַט דעם סוג הדומם, וואָלט מען דאָס געקענט פאַרשטיין בפשטות — אַז אין אים האָט זיך נאָך איבערהויפּט ניט אויפגעטאָן די „דירה בתחתונים" אין דעם דומם וואָס „אין תחתון למטה ממנו" (און דאָס האָט זיך אויפגעטאָן ערשט אין ביהמ"ק). דער אמת איז דאָך אָבער, אַז אויך דער סוג הדומם איז געווען אַ טייל פון משכן: דער קרקע המשכן איז געווען פון עפר, און פונקט ווי אין משכן בכלל, אַזוי אויך דאָרט, אין דעם קרקע המשכן, האָט זיך אויפגעטאָן דער „ושכנתי בתוכם". — ווי פאַרשטאַנדיק אויך פון דעם פסק דין „ומן העפר אשר יהי' בקרקע המשכן יקח הכהן" [52],

און וויבאַלד אַזוי, אַז אויך אין משכן איז געווען המשכת אלקות אין אַזאַ תחתון „שאין תחתון למטה ממנו", פאַרוואָס איז ער טאַקע געווען געבויט פון „צומח" און ניט ווי דער ביהמ"ק — פון „דומם"?

ז. נאָר דער ביאור אויף דעם איז:

אָט דער עילוי וואָס טוט זיך אויף דורך המשכת אלקות למטה, בתחתונים, דריקט זיך אויס אויף צוויי אופנים:

א) דורך אַזאַ המשכה זאָגט זיך אַרויס דער תוקף בלתי מוגבל פון דעם אויבערשטנס אור, אַז ער איז „אין סוף" — ער האָט אויף זיך ניט קיין שום הגבלות, ביז ער ווערט נתפשט און איז מאיר אויך אין דעם סוג היותר תחתון (וואָרום ווען דער אור וואָלט געהאַט אויף זיך וועלכע־ס'איז הגבלות, וואָלט ער ניט קענען דערגרייכן אַזוי נידעריק).

[ובדוגמא ווי דאָס איז ביי אַן איש החסד: וואָס גרעסער זיין חסד איז, דערגרייכט זיין פעולת הטוב צו אַלץ נידעריקערע מענטשן. און ווי מען זעט ביי אברהם אבינו, וואָס זיין מדת החסד איז געווען בלי גבול [53], האָט ער משפיע געווען אַפילו צו א) ערביים ב) שהשתחוו (און צו וואָס) ג) לאבק שעל גבי רגליהם [54]].

---

51) כדמוכח ממקומות המסומנים בהערה 6.

52) נשא ה, יז.

53) ראה תו"א (ד"ה אנכי מגן לך) יב, א. ובהגהות צ"ז בלקו"ת לג"פ (פח, א. אוה"ת לך (כרך ד) תרצג, א ואילך).

54) ב"מ פו, ב. וראה לקו"ש ח"א ע' 28.

ב) דורך דעם, וואָס דורך אָט דער המשכה ווערט גדולתו ית׳ דערקענט „בתחתונים״, דריקט זיך אויס (ניט בלויז די אומבאַגרעניצטקייט פון דעם אור, וואָס ער דערגרייכט אויך למטה, נאָר אויך) די אמת׳קייט פון אלקות, דערמיט וואָס אויך דער מטה, נבראים תחתונים (וואָס זיינען ניט אלקות) האָבן אין אים אַ הכרה[55].

און דער אויפטו אַז נבראים זיינען מכיר אלקות, שטעלט מיט זיך פאַר אַ פיל גרעסערן (חידוש ובמילא —) מעלה ווי דאָס וואָס דער אור אלקי דערגרייכט אויך למטה. וואָרום דאָ ווערט אמיתיות האלקות באַוויזן אויף אַזוי פיל, אַז אויך אַ זולת דערזעט און אַנערקענט דעם אמת. ועי״ד מ״ש הרלב״ג[56]: וזה מסגולת האמת שהוא מסכים לעצמו מכל צד.

און וויבאַלד עס רעדט זיך וועגן אַ הכרה אין דער אמת׳קייט פון אלקות מצד די נבראים למטה, איז ברור, אַז דאָס ווערט בעיקר ובאופן נעלה דערגרייכט דורך ראיות פון עניני הבריאה (מלמטלמ״ע), אַז די בריאה תחתונה גופא באַווייזט דעם אמת פון אלקות. אָבער אויך דאַן ווען די הכרה קומט מצד דעם גילוי פון דעם אור אלקי מלמעלה צו די נבראים — וואָס דאַן איז די הכרה ניט אַזוי שטאַרק און דורכדרינגענדיק — איז דאָך, אין דעם וואָס זיי זיינען מקבל דעם אור און באַנעמען דעם אמת אלקי, פאַראַן אַ גרעסערע מעלה ווי אין עצם הגילוי פון דעם אור פאַר זיך. וואָרום קבלת ההשפעה איז טיפער פון דער השפעה גופא[57], ובלשון הקבלה והחסידות: דער שרש הכלים איז העכער ווי דער שרש האור.

[און אויך אויף דעם איז דאָ די דוגמא פון איש החסד[58] — זיין רצון צו טאָן טוב מיט אַנדערע מענטשן קומט (ניט בלויז מחמת דער נויטווענדיקייט

55) וי״ל שזהו ב׳ הענינים „כדי להטיב לברואיו ויכירו גדולתו כו׳ ״ (ע״ח שער ה־כללים בתחלתו). וי״ל שזהו החידוש ד„יכירו גדולתו״ על „בגין דישתמודעון לי׳ ״ (שבזהר פ׳ בא מב, ב), שהכוונה ב„בגין דישתמודעון לי׳ ״ (דמשמע (גם) בעל כרחו) — הוא שיהי׳ גילוי אלקותו ית׳

(וכדאיתא בע״ח בתחלתו (ושער ההקדמות הקדמה ג׳) „שיתגלו שלימות כחותיו כו׳ ״ וממ״ש בע״ח שם „וכבר נתבאר טעם זה בספר הזהר .. וגם בפ׳ בא כו׳ ״, מובן שבכללות הו״ע אחד עם „בגין דישתמודעון לי׳ ״. וראה גם ד״ה יו״ט של ר״ה תרס״ו וד״ה שוקיו עמודי שש תש״ב פי״ח, אשר ענין „יתגלו כו׳ ״ הוא פירוש במאה״ז „בגין כו׳ ״)

אבל ענינו של המקבל רצונו וכו׳ אינו נוגע בזה. משא״כ הכוונה ב„לברואיו ויכירו כו׳ ״ הוא — שהנבראים יכירו את גדולתו ית׳ ויזכו להיות מרכבה כו׳.

ועפי״ז יובן מה שהטעם בע״ח ושער ה־הקדמות שם הוא בנוגע לכללות ההתהוות, ואילו בשער הכללים שם „האציל נקודה א׳ הכלולה מי׳ (והם י״ס של העקודים שהיו בכלי א׳)״ — כי טעם זה ד„יכירו גדולתו כו׳ ״ נשלם בהאצלת בחי׳ עקודים דוקא (ולא בהבחי׳ שלמעלה מזה) לפי שבעקודים הוא התחלת הכלים (ד״ה השם נפשנו בחיים תשכ״ד. ועיין המשך תער״ב ח״ב ע׳ א׳קיט).

56) ס׳ מלחמות השם מאמר ו׳ ספט״ו — הובא ב„קיצורים והערות לתניא״ ע׳ קב.

57) וזהו החידוש שב„סוף מעשה במחשבה תחלה״ על „נעוץ תחלתן בסופן״: „סופן״ הכוונה לסיום וגמר ההשפעה, ובחי׳ זו נעוצה ב„תחלתן״ — תחלת וראשית ההשפעה (וכנ״ל בפנים, שע״י המשכת האור עד למטה מטה — „סופן״, מתגלה תוקפו הבלתי מוגבל), משא״כ „סוף מעשה״ הו״ע קבלת ההשפעה, ובחינה זו מגעת ב„מחשבה תחלה״ היינו תחילה אפילו לפני תחלת המחשבה — למעלה משרש ההשפעה (ד״ה השם נפשנו שם. וראה גם תו״ח שם פ״ב וג׳. המשך תער״ב (שם ואילך). לקו״ש חי״ט ע׳ 384 ואילך).

58) ראה בארוכה תו״ח שם פ״ג.

פון יענע וואָס דאַרפן אָנקומען צו זיין פעולת הטוב, נאָר אויך) מצד זיין טבע: וויבאַלד ער איז אַן איש הטוב, מאָנט זיך ביי אים, פון דער נאַטור, צו משפיע זיין און מטיב זיין.

און ווי מען געפינט ביי אברהם אבינו, אַז בשעת ער האָט ניט געהאַט קיין אורחים וועמען צו משפיע זיין חסדים, האָט ער דערפון געהאַט צער [59]. ווייל זייענדיק בעצם אַ איש החסד, האָט דאָס זיך ביי אים געפאָדערט מצד זיין טבע [60]; און דעריבער, איז כשם ווי דער גילוי פון זיין טבע בהשפעת הטוב האָט אים פאַרשאַפט תענוג, אַזוי האָט דער העדר ההשפעה פון זיין מדת החסד אים גורם געווען צער.

און דאָך זעט מען, אַז בשעת דער איש החסד איז משפיע טוב צו אַ צווייטן און יענער איז מקבל די השפעה, רופט דאָס ביי אים אַרויס נאָך אַ גרעסערן תענוג, מער ווי דער פאַרגעניגן וואָס אים פאַרשאַפט זיין השפעת החסד — ווייל די קבלת ההשפעה דערלאַנגט טי־פער ווי די השפעה גופא].

ח. און דאָס איז דער חילוק צווישן דעם משכן און דעם ביהמ"ק: אין משכן איז געקומען צום אויסדרוק די אומבאַגרעניצטקייט פון דעם אור אלקי, ווי ער קומט אַראָפּ מלמעלה און ווערט נמשך אויך למטה מטה, ביז אין סוג הדומם; און אין ביהמ"ק האָט זיך אויפגעטאָן, אַז דער תחתון גופא — דער סוג הדומם — איז געוואָרן אַ כלי צו אלקות.

און דערפאַר איז אין משכן געווען אויסגעשטעלט דער סדר בדרך מלמעלה למטה: דער דאַך פון משכן איז געווען מלמעלה למטה — פון אילים ותחשים ועזים וצמר [61] — פון סוג החי, די ווענט (נידעריקער פון דאַך) — פון סוג הצומח, און קרקע המשכן וואָס איז גאָר למטה — איז געווען עפר (דומם). אין ביהמ"ק אָבער איז געווען פאַרקערט: דער עיקר און הויפּטזאַך פון זיין בנין [62] איז געווען דער סוג פון דומם — פון אים איז געווען געבויט דער גאַנצער ביהמ"ק — און די כלונסאות של ארז (צומח) וואָס זיינען אין אים געווען איינגעבויט, זיינען בלויז געווען אַ טפל [63], נאָר בכדי צו אונטערשפאַרן די ווענט וכיו"ב [64].

בשעת דער עילוי פון דעם „תחתון" באַשטייט בלויז דערין וואָס דורך אים דריקט זיך אויס דער בלי גבול פונעם אור אלקי, ווייזנדיק אַז ער ווערט נמשך אַפילו למטה (אָבער ניט אַז דער תחתון גופא ברענגט מיט

59) רש"י ר"פ וירא. וראה גם ב"ר פמ"ח, ט.

60) ראה ד"ה החודש הזה ש"ת פ"ג. ביוהשמע"צ תש"ח פכ"ז. ובכ"מ.

61) ורק שבהיותר תחתון שב(גג) יריעות הי' גם מין אחד של פשתן נוסף על ג' מיני צמר (רש"י תרומה כו, א). וי"ל שזהו ענין הממוצע שצ"ל בין דרגא לדרגא. וכן — סיום ותחתית הקרשים עמדו באדנים — דומם.

62) ולכאורה צע"ק מתקרת ביהמ"ק שהי' גבים ושדרות בארזים (מ"א ו, ט) — צומח. ולהעיר ממדות (פ"ד מ"ו) שע"ג זה הייתה מעזיבה מ(טיט)אבנים וסיד. ובתו"א ותו"ח שבהערה 64, ש„הכלונסאות של ארז שהי' בתקרה הם היו תמכין לבד לעיקר התקרה הנעשה מבחי' דומם", „להחזיק המעזיבה בלבד" (וראה מאמרי אדה"ז תקס"ה ע' קמב, קמד, קמו). ולהעיר ג"כ מלקו"ת וסידור שבהערה 50, שהארזים בהתקרות היו שקועים. ע"ש. ואכ"מ.

63) ראה מדות פ"ג מ"ח (כפי גירסת רוב המפרשים). כסף משנה לרמב"ם הל' ביהב"ח פ"א ה"ט. מפרשי המשנה שם בפ"א מ"ו. ועוד.

64) תו"א ר"פ ויגש. תו"ח שם פ"ח.

זיך אַרויס דעם עילוי), דאַן באַקומט ער (דער תחתון) די השפעה צום סאַמע ענדע, דאָס מיינט אין אַ נידעריקע דרגא. וואָרום וויבאַלד דאָ רעדט זיך דאָך וועגן המשכת האור, און זיך המ־שכה איז דאָך אין דעם סדר פון „מלמ־עלה למטה"; פריער ווערט ער נמשך אין העכערע מדריגות, און דערנאָך — אין נידעריקערע מדריגות, קומען די נידעריקע מדריגות נאָך (אויך במעלה) די העכערע. און אַזוי איז געווען אין משכן.

בעת אָבער אַז דער עילוי באַשטייט אין דעם תחתון גופא, וואָס ער ווערט אַ כלי צו אלקות, ער איז מכיר גדולתו ית', איז דאָך מובן, אַז דער עיקר החשיבות איז אין דעם תחתון וואָס „אין תחתון למטה ממנו"[65]. און דער־פאַר איז אין ביהמ"ק געווען דומם דער עיקר[66].

ט. אעפ"י אַז אין ביהמ"ק האָט זיך אויפגעטאָן דער ענין אַז תחתונים גופא זאָלן זיין כלים צו אלקות (ניט בלויז וואָס דער אור ווערט נמשך אין זיי), פונדעסטוועגן האָט זיך אין אים נאָך אַלץ ניט אויפגעטאָן דער אמת'ער ענין פון „דירה בתחתונים". דער תכלית האמיתי פון דירה בתחתונים וועט ערשט דערגרייכט ווערן לעתיד לבוא, אין דעם זמן פון ימות המשיח ובפרט אין דעם זמן פון תחיית המתים[67], אָבער אין ביהמ"ק איז די „דירת קבע של הקב"ה" געווען בלויז „מעין עולם הבא"[67] — ניט די תכלית השלימות און אמיתיות פון דירה בתחתונים.

וועט מען עס פאַרשטיין לויט דעם ידוע'דיקן וואָרט[68] פון דעם אַלטן רבי'ן — בעל ההילולא — אויף דעם וואָס ס'ווערט געזאָגט: „נתאווה הקב"ה להיות לו ית' דירה בתחתונים", אַז „אויף אַ תאוה איז קיין קשיא ניט". ד. ה. אַז דאָס וואָס דער אויבערשטער האָט גע־וואָלט האָבן אַ „דירה בתחתונים" איז עס ניט מצד אַ טעם[69], נאָר דאָס איז בבחי' „תאוה", כביכול, וואָס איז הע־כער פון צו האָבן אויף זיך אַ טעם[70].

65) ראה גם תו"ח שם, שבביהמ"ק הי' הגילוי דסוף מעשה במחשבה תחלה (ראה לעיל הערה 57).

66) וזהו גם הטעם מה שהמשכן הי' דירת עראי של הקב"ה וביהמ"ק דירת קבע (נסמן לעיל הערות 46 ; 47), כי כשהגילוי נמשך רק מלמעלה, אינו חודר בפנימיות כ"כ (ולהעיר מלקו"ת ויקרא (ב, ג־ד), שאתערותא דלעילא מצד עצמה — כשאין אחרי' מיד עבודה מלמטלמ"ע — אין לה קיום).

67) תו"א שם. ובתו"ח שם: בדוגמא דלעתיד. ולהעיר מתניא פל"ו: ונודע ש־ימוה"מ כו' מעין זה בשעת מ"ת.

68) המשך תרס"ו בתחלתו. ד"ה שוקיו שם פי"ט.

69) והטעמים שבזהר וע"ח (דלעיל הערה 55) הם הקדמה והכנה להשלמת הכוונה ד„דירה בתחתונים". כי ענין ה„דירה" הוא [לא רק שנמצא בה כל העצם, אלא גם] שהעצם נמצא בה בגילוי (ראה בארוכה לקו"ש ח"ד ע' 1054), ולכן צריך ל„הטיב לברואיו" ו„יכירו גדולתו" — בחי' הגילויים, כי ידיעה והכרה זו הם הכנה לגילוי העצמות. (ובדוגמת המבואר בלקו"ש ח"ג ע' 956, שאהוי"ר, עם היותם בחי' גילויים, הם „דרכי הוי'" — לפי שעל ידם דוקא בא עצמותו ית' בגילוי, במעשה המצות. עיי"ש).

וכמו שההתהוות, עם היות שהיא רק ביכולת העצמות, בכ"ז ההתהוות בפועל הוא מהאור וע"י התלבשותו בכלים (אגה"ק סי' כ' — קל, ריש ע"ב), כן גם השלמת הכוונה ד„דירה בתחתונים" — דירה לעצמותו, הוא ע"י (הקדמת) „להטיב לברואיו" — אור, ו„יכירו גדולתו" — כלים.

וי"ל בדא"פ שזהו ג"כ הסדר ב„ושכנתי בתוכם": משכן — אור, ביהמ"ק (דשלמה) — כלי, וביהמ"ק דלעתיד — דירה לעצמותו.

70) והנפקותא שמזה בעבודת האדם:

באם כל ענין ההתהוות הי' מצד הטעם, הרי ישנו איזה ענין ותפיסת מקום להבריאה, בזה שהיא משלמת את הכוונה. ובמילא —

דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז אַט־די „דירה בתחתונים" — אַלס תכלית פון „נתאווה הקב"ה" (למעלה מהטעם), מיינט ניט אַז דערמיט ווערט דערגרייכט אַן אויפטו פון אַ געוויסער מעלה און שלימות — וואָרום אויב יע, הייסט עס דאָך דאָן אַז די מעלה גופא איז אַ טעם אויפן רצון צו דער „דירה" — נאָר דווקא אַזאַ אויפטו וואָס קען ניט באַנומען ווערן ווי אַ מעלה און שלימות [71]; און דווקא דאָס איז די אמת'ע דירה בתחתונים דורך וועלכער עס ווערט אויסגעפירט די תכלית הכוונה פון „נתאווה הקב"ה כו'".

און דערפאַר איז ביי דעם (משכן און ביהמ"ק נאָך ניט צוגעקומען צו דעם אמת'ן תכלית פון „דירה בתחתונים", וואָס צו דעם איז נתאווה הקב"ה — וויבאַלד דאָס איז געווען אַזאַ „דירה" וואו ס'האָט זיך יע אויסגעדריקט אַ באַשטימטע מעלה [72] — וואָס (דער אור איז נמשך געוואָרן ביז למטה מטה, אָדער וואָס אויך) די נבראים תחתונים זיינען דערהויבן געוואָרן צו ווערן אַ כלי צו אלקות.

י. אין וואָס באַשטייט יע דער אמת'ער אופן פון „דירה בתחתונים" וואו עס פירט זיך אויס דער תכלית פון „נתאווה הקב"ה"?

זאָגט דער אַלטער רבי [73], אַז דאָס איז אין דער נידעריקסטער נידעריקייט, אין דעם „תחתון שאין תחתון למטה ממנו בענין הסתר אורו ית' וחושך כפול ומכופל עד שהוא מלא קליפות וסט"א שהן נגד ה' ממש לומר אני ואפסי עוד" — דאָס מיינט: אין אַזאַ תחתון וואָס האָט כלל קיין שייכות ניט צו אלקות [ס'איז ניט שייך אַז אין אים זאָל מאיר זיין קיין אור און אוודאי ניט אַז ער זאָל זיין אַ כלי צו אלקות] און אדרבה: ער איז פול מיט קליפות וסטרא אחרא וואָס זייער גאַנצער וועזן שטעלט מיט זיך פאָר דעם הרגש פון „אני ואפסי עוד", דעם סאַמע היפך פון אלקות — נגד ה' ממש, און דאָרט האָט דער אויבערשטער געוואָלט האָבן זיין „דירה לו ית'".

ווען אַ איד נעמט די ענינים „תחתונים" וואָס זיינען פול מיט קליפות וסט"א וועלכע זיינען מנגד צו אלקות, און דאָרט מאַכט ער אויף אַ דירה לו ית' (ניט דורך זוכן מגלה זיין דעם טוב און קדושה וואָס זאָל זיין באַהאַלטן אין זיי פון פריער, ווייל אדרבה, זייער גאַנצער וועזן איז „נגד ה' ממש", נאָר) דורך צעברעכן און מבטל זיין

תפיסת מקום גם להאדם העובד, בזה שהוא הוא המשלים כוונה זו.

אבל מצד אמיתית ענין ההתהוות שהוא רק לפי שכן עלה ברצונו ית' — נתאווה, הרי אין שום יחס ותפיסת מקום להבריאה, וכל ענינה הוא רק מה שעצמותו ית' נתאוה כו'. ובמילא, עשיית הדירה הוא דוקא ע"י שלילת וביטול הרגש המציאות בתכלית (שלא יחשוב האדם: והרי דבר אני בזה שהשלמתי את הכוונה) — כי כל ענין ה„דירה בתחתונים" אי"ז שצריך אליו כ"א לפי שנתאווה כו' וראה להלן הערה 75.

71) וגם מזה שהכוונה דדירה בתחתונים הוא בעצמותו ית' שלמעלה מכל הגילויים [שהרי גם האור שבבחי' גילוי מן העצם הוא בשביל כוונה זו (ד"ה ועשית ח"ש תרע"ג. אנכי ה"א תש"ג פ"ג)], מובן שמה שנתאווה כו' הוא רק מצד רצונו ובחירתו ית' ולא מצד טעם — כי עצמותו ית' הוא שלילת כל התוארים ואין שייך בו שום נסי' ח"ו.

72) ולבד זאת שעל ענין זה אין צורך להביאור דנתאווה כו' (מכיון שיש ע"ז טעם), הרי מצד המעלה והשלימות שבזה, אי אפשר שתושלם בו הכוונה דנתאווה כו' דירה. כי ענין הדירה הוא דירה לעצמותו כביכול, והרי הרגש המעלה והשלימות „סותר" ל„גילוי" העצמות (ראה הערות שלפנ"ז).

די סט״א אינגאַנצן, אַזוי אַז די „דירה״ צום אויבערשטן ווערט געשאַפן אויס־שליסלעך מצד דער עבודה פון אידן אין אַן אופן פון התחדשות[73] — דאָס איז די „דירה״ וואָס „נתאווה[74] הקב״ה[75].

און אַט־דער ענין, אויפצומאַכן אַ דירה לו ית׳ אויך דאָרט וואו די נבראים תחתונים זיינען „נגד ה׳ ממש״, האָט ניט קיין טעם און שכל און עס האָט ניט קיין אָרט מצד בחי׳ הגילויים[76]:

---

73) ובזה יובן מה שאמרו (שבת קיט, ריש ע״ב. שו״ע אדה״ז ר״ס רסח) „כל המתפלל בע״ש ואומר ויכולו מעלה עליו הכתוב כאילו נעשה שותף להקב״ה במעשה בראשית״, ובחדא״ג מהרש״א שם: „כי ה־אומר ויכולו הרי הוא מעיד על מע״ב (ראה שו״ע שם סי״ב) והרי הוא נעשה שותף עם הקב״ה כי בלתי עדותו לא יודע עשייתו״ — דלכאורה תמוה: האדם ע״י עדותו פועל רק שיוודע עשייתו, אבל אינו מחדש מאומה במע״ב, ואיך הוא שותף להקב״ה שבורא את מע״ב?

— כי שהגברא יכיר גדולתו (הגדולה זו מע״ב. ברכות נח, סע״א) הוא חידוש גמור, כנ״ל. (ועל פי זה, ההעדאה ד„ויכולו״ הוא כענין עדי קיום (שלולא עדותן השטר בטל), שע״י עדותם מקיימים — עושים את המציאות). ומה שאמרו „מעלה עליו הכתוב״ — י״ל לפי שהכח לחידוש זה בא מעצמותו ית׳ (כדלהלן בפנים ובהערה 79).

ועוד ענין בזה: קליפות וסט״א הם מצי־אות דהעדר (תורת שלום ע׳ 134 ואילך). ובמילא, ע״י העבודה דאתכפיא סט״א ואת־הפכא חשוכא לנהורא, נעשה חידוש בה־בריאה, שנעשה מ„העדר״ — „מציאות״. ועפי״ז מובן הלשון „שותף כו׳ במע״ב״, שמפשטות הלשון מוכח שהאדם פועל במע״ב גופא (בהמציאות דשמו״א).

74) וכמ״ש (איוב יד, טו. וראה שמו״ר ספל״ו. ויק״ר רפל״א) למעשה ידיך תכסוף. ואף שגם במשכן ומקדש אמרו (כתובות ה, סע״א) „גדולים מעשה צדיקים״, ומבואר בד״ה גדולים מעשה צדיקים תרפ״ה פ״ז, שהעילוי ד„מעשה צדיקים״ הוא מצד ענין ההתחדשות שבביטול היש לאין (וראה גם שמו״ר שם, ש„למעשה ידיך תכסוף״ קאי על עבודת המשכן), בכ״ז, מכיון שהמשכת הקדושה במשכן ומקדש אינו בתחתונים ממש (המלאים קליפות וסט״א), הרי המשכה זו אינה התחדשות כ״כ (ובדוגמת המבואר בד״ה תקעו תרס״ז (בהמשך תרס״ו. וראה גם ד״ה אחרי תרס״ו) שהבירורים שבדרך מלמעלמ״ט, מכיון שהם מצד המשכת האור, אי״ז ענין ההתחדשות), ובמילא אי״ז אמיתית הענין ד„מעשה צדיקים״ (עבודת האדם).

ולהעיר מפרש״י עה״פ (בשלח טו, יז) מקדש אד׳ כוננו ידיך: „ואימתי יבנה בשתי ידים .. לעתיד לבוא כו׳״ — והרי מה ש„גדולים מעשה צדיקים״ למדו (כתובות שם) ממ״ש כוננו ידיך.

75) ואף שעשיית דירה זו באה רק ע״י עבודת האדם, מ״מ אין בה שום עירוב של הרגש מציאותו (ראה לעיל הערה 70). ובד־דוגמת המבואר בד״ה אחרי הנ״ל בענין מעלת עבד פשוט על עבד נאמן, שעבודת עבד ה־פשוט דוקא היא התחדשות גמורה הבאה בכח עצמו, ועם זה [ואדרבה, הא בהא תליא] כל העבודה נקראת על שם האדון, כי עבד (הפשוט) אינו מהות בפני עצמו כלל. עיי״ש בארוכה.

וגם מזה שהדירה היא לעצמותו (כדלהלן הערה 77) מובן שביטול זה הוא נעלה יותר מהביטול שבהעבודה שמצד הגילויים. כי הביטול שמצד בחי׳ הגילויים הוא רק „ד־כולא קמי׳ כלא חשיב״, והביטול שמצד העצמות הוא הביטול ד„אין עוד״ (ד״ה ולקחתם לכם תרס״א. אם בחוקותי תרס״ז).

76) וכמו שהתהוות התחתונים אינו מצד הטעם [וכמבואר בהמשך תרס״ו (בתחלתו) ותש״ב שם, שמצד הטעמים שבזהר וע״ח, א״צ להיות התהוות עולמות בי״ע, ובפרט — התהוות עוה״ז], כן גם אמתית ענין גילוי (אלקות) שבהם, אינו מצד טעמים אלו. כי מכיון שהתהוות עולמות התחתונים אינו מצד [הטעמים שבבחינת] הגילויים, הרי הגילויים דערלאַנגען ניט בהם.

ועפי״ז יובן מה שביהמ״ק הוצרך להיות (לכתחילה) מאבנים דוקא — אף שהחידוש שבביהמ״ק (על המשכן) הוא מה שהתחתון נעשה כלי לאלקות (כנ״ל סעיף ח׳), והרי „לבנים״ הם יותר „תחתון״ מאבנים והי׳ צ״ל הבנין בלבנים מצד הענין בהם שאינם

— היות אַז דאָ איז ניט שייך צו פועל זיין אין זיי ניט דורך המשכת האור און אַפילו ניט דורכן שרש הכלים (ווי־באַלד אַז זיי קענען ניט זיין קיין כלים צום אור, כנ״ל); דאָס קען אויפגעטאָן ווערן בלויז מיטן כח וואָס קומט פון עצמותו ית׳ אַליין [77] (וואָס ער איז דאָך דער וואָס „נתאווה" צו דער דאָזיקער דירה) — וואָרום „הוא לבדו בכחו ויכלתו לברוא יש מאין ואפס המוחלט ממש" [78] — און אָט־דעם כח האָט ער געגעבן כביכול צו אידן, אַז אויך זיי זאָלן קענען אויפמאַכן אַ דירה לו ית׳ בתחתונים אין אַן אופן פון אַ נייער שאַפונג לגמרי, כנ״ל [79].

יא. עפ״י הנ״ל וועט מען אויך פאַרשטיין דעם טעם וואָס דער עיקר עבודה אין גלות מצרים איז באַשטאַנען אין „עשית לבנים":

דער סדר פון עשית לבנים איז, אַז נאָכדעם ווי מען לייגט אַריין דעם געקנאָטענעם ליים אין דעם „מלבן" וואָס פורעמט אויס דעם ציור פון לבנים, ווערן זיי דורכגעברענט אין אַ קאַלכאויוון [80], בכדי זיי זאָלן ווערן פאַרהאַרטעוועט און שטאַרק אַזוי ווי אבנים, און ווי עס שטייט (ביים דור הפלגה [81]): „נלבנה לבנים ונשרפה לשריפה ותהי להם הלבנה לאבן" [81] — דורך „ונשרפה לשריפה" איז „ותהי להם הלבינה לאבן", אַז די לבנים באַקומען די האַרטקייט און שטאַרקייט פון אבנים (שבידי שמים) און מען קען פון זיי בויען אַ בנין (דקדושה) [82].

און וויבאַלד אַז אָט־די שטאַרקייט פון די לבנים קומט דוקא דורך דעם וואָס מען ברענט זיי אין פייער — וואָס ביי כלי חרס איז דער דין [83], אַז נאָכן דורכברענען די כלי הייסט זי אַ נייע מציאות, „פנים חדשות" [84] — איז עס דאָך

---

אבנים (כ״א למטה מהם) — כי בחי׳ הגילוי שבביהמ״ק לא הי׳ יכול להיות נמשך בלבנים בענינם הנ״ל — כיון שבזה ה״ה מסטרא דמסאבותא (להעיר מתניא רפ״ז דהאוכל סתם לא עדיפי כו׳ שבקליפות וסט״א כו׳ שבעוה״ז כו׳ רובו ככולו רע כו׳),

ואף ש„אם לא נמצאו אבנים בונין בלבנים", הרי זה בנין (והמשכה בבחי׳) „לבנים" בדרגתם שהם (כמו) אבנים (ראה בתניא שם שמסיים רק מעט טוב מעורב בתוכה).

ולהעיר מהמבואר בהמשך מצה זו תר״ם פ״ס בענין המעלה דנ״ח (שמצותה להניחה על פתח ביתו מבחוץ) על לימוד התורה — אף שגם בה נאמר „ובלכתך בדרך" — שמכיון ש„בלכתך בדרך" הוא בשוה ל„בשבתך בביתך", אי״ז הענין דהמשכת האור ברה״ר, טורי דפרודא, כבנר חנוכה. עיי״ש.

77) וגם ה„דירה" שנעשית בתחתונים היא דירה לעצמותו. וכמבואר בנדו״ז בכ״מ שבדירה נמצא כל העצם.

78) אגה״ק סי׳ כ׳ (קל, ריש ע״ב).

79) ראה גם ד״ה תקעו תרס״ז, שהכח שבנשמות שלמטה (בחי׳ עבדים פשוטים) לברר את טבע החומרי הגמור דנה״ב — שהיא „התחדשות גמורה כחידוש יש מאין" — הוא מצד כח העצמות שביכולתו להחת מאין ליש. עיי״ש.

80) רש״י נח יא, ג (ולהעיר מפירש״י פרשתנו ה, ז). תו״א עז, סע״ג ואילך.

81) שהשעבוד בגלות מצרים „בלבנים" הוא תיקון להחטא דדור הפלגה (מקומות שנסמנו לעיל הערה 22. אוה״ת שמות ע׳ כד. זאת חנוכת תר״ם פי״ד).

82) תו״א שם.

83) תוד״ה התורה (פסחים ל, ב) וד״ה אלא (זבחים צו, א). וראה רמב״ם הל׳ כלים פ״א ה״ו וי״ג, הפט״ו. ועוד.

84) ועד״ז בלבנים. וגם האדם (שהוא העושה את הדירה), הרי יסודו הוא מעפר, ולכן אין שום תקנה להחומריות שלו [ולהנסיות שיש בו למדות רעות — יותר מבבע״ח, מצד חומר גופו (קונט׳ ומעין מט״ו פ״ב)] רק ע״י שריפה — ביטול ישותו, בדוגמת כלי חרס שאין מועלת לו הגעלה

[ניט קיין שטאַרקייט וואָס איז פאַראַן אין זיי און דער מענטש איז דאָס בלויז מגלה דורכן דורכברעכן] זיי, נאָר] אַ נייע שאַפונג וועלכע ווערט אויפגעטאָן בעיקר דורכן מענטשן — וואָס ברענט זיי דורך און איז מבטל זייער פריערדיקע מציאות.

און דערפאַר וויזט עשית לבנים (ווען דאָס ווערט געטאָן מיטן צוועק צו בויען מיט זיי דעם „עיר אלקינו") אויף דער עבודה פון אויפמאַכן אַ דירה לו ית' בתחתונים:

כשם ווי „עשית לבנים" באַשטייט פון די צוויי ענינים: (א) דורכברעכן און מבטל זיין דעם ציור פון „לבנים", וואָס וויזט אויף „סטרא דמסאבותא"[85] און (ב) אַז דאָס וואָס די לבנים ווערן „קשים וחזקים כאבנים" — די קדושה'דיקע שטאַרקייט אַזוי ווי אבנים שבידי שמים — איז עס לגמרי אַ נייע מציאות וואָס ווערט געשאַפן דורך דער אַרבעט פונעם אדם;

אַזוי דינען אויך ביי דער עבודה פון „דירה בתחתונים" פאַראַן ביידע ענינים: (א) דאָס ווערט אויפגעטאָן דורך צעברעכן און מבטל זיין די קליפה וסט"א וואָס די וועלט איז געוועזן פול מיט זיי, און (ב) דאָס איז לגמרי אַ נייע שאַפונג וואָס קומט דורך עבודת האדם.

און דאָס איז דער טעם וואָס דער עיקר עבודה אין זמן הגלות, אָנהויבנדיק פון גלות מצרים (שרש לכל הגליות[86]), באַשטייט אין עשית לבנים — ווייל היות אַז דער תכלית השלימות פון דירה בתחתונים וואָס וועט זיין בימות המשיח ותחיית המתים איז „תלוי במעשינו ועבודתינו כל זמן משך הגלות"[87], דאַרף דעריבער בדוגמא לזה אויך אונזער עבודה אין וועלט בזמן משך הגלות באַשטיין אין „עשית לבנים" —

